# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א
## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון ע"ג / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת אח"ק / אייר תשפ"ה

## התנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי
### י"ח אייר

### העכער אונזערע השגות

דער רבי זאל זיין געזונט האט געזאגט אמאל ל"ג בעומר ביי די הדלקה, אז 'משיג צו זיין רבי שמעון בר יוחאי איז דאך נישט שייך, ער איז אסאך העכער פון אונזערע השגות, אפילו ווען מ'איז זיך מתבונן אין זוהר הק' אין זיינע מדריגות, זעט מען אז ס'איז אסאך אסאך העכער פון אונזערע השגות'.

*

שטייט אין זוה"ק אז איינמאל איז רשב"י געגאנגען מיט זיין הייליגע חבריא, איז צוגעקומען ר' פינחס בן יאיר, און אים געגעבן א קיש. האט ר' פינחס בן יאיר געזאגט: "איך האב זוכה געווען צו געבן א נשיקה אויף דער שכינה אליין!"

### יכול לפטור העולם מן הדין

נאך שטייט אין זוה"ק - האט דער רבי שליט"א דערציילט - אז איינמאל איז געווען א מגיפה רח"ל אינעם שטאט לוד, און ווען רשב"י איז אנגעקומען אין שטאט האט ער זיך אנגערופן: "היתכן אז איך בין דא יעצט און ס'זאל געשען אזא זאך?" און ער האט געזאגט: "איך בין גוזר אז די מגיפה זאל בטל ווערן".

אזוויי ער האט ארויסגעזאגט די ווערטער, איז ארויסגעקומען א בת קול און געזאגט: "גייסט ארויס פון דא [אלע משחיתים] ווייל ר' שמעון בר יוחאי איז דא!"

*

ס'איז באקאנט די גמרא אין מסכת סוכה אז ר' שמעון בר יוחאי האט געזאגט: 'יכול אני לפטור את כל העולם מן הדין'.

*

שטייט אין זוהר הק' פרשת כי תבוא, אז ר' שמעון בר יוחאי איז 'דער ראש פון כל הצדיקים אין גן עדן'.

*

אויך שטייט אין זוהר הק', אז אין זכות פון ר' שמעון בר יוחאי האלט זיך די וועלט ביז משיח וועט קומען.

### קדושת היום

אויך האט דער רבי שליט"א געזאגט אמאל ביי די הדלקה, אז ס'איז א טאג וואס ס'ווערן נמשך ברכות.

ס'איז ידוע אז הרה"ק דער ערשטער בעלזא רב זצ"ל האט געזאגט פאר זיין זון הרה"ק דער מיטעלער בעלזא רב זצ"ל: "זאלסט וויסן אז דער הייליגער טאג ל"ג בעומר איז פון די העכסטע טעג וואס איז דא אינעם גאנצן יאר!"

ווען דער זון דער מיטעלער בעלזא רב האט עס געהערט, האט ער פארשטאנען אז ס'הייגט א טאג וואס מ'קען ממשיך זיין ברכות, האט ער גלייך איינגעבויגן דעם קאפ אז דער טאטע זאל אים בענטשן.

*

ל"ג בעומר צופרי ווען הרה"ק ר' אברהם קאליסקער זצ"ל וועלכער האט געוואוינט אין טבריה איז געגאנגען זיך טובל'ן, האט ער זיך אנגערופן מיט א פלאם-פייער: 'הריני מקבל עלי קדושת היום!'

*

הרה"ק ר' משה ראזוואדוב'ער זצ"ל [א זון פון הרה"ק ר' אליעזר'ל דזיקוב'ער זצ"ל, וואס איז געווען א זון פון הרה"ק דער ראפשיצער רב זצ"ל] האט אמאל ל"ג בעומר זיך געטראפן אינמיטן וועג מיט הרה"ק דער צאנזער רב זצ"ל. זיי האבן זיך פארשפארט, און דער צאנזער רב האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף זיין אקסל, און ארומגעגאנגען פארפלאמטערהייט אהין און צוריק פאר א שטיק צייט, און ער האט אים איבערגעגעבן פארשידענע סודות.

פון דעמאלס איז ביי ר' משה ראזוואדוב'ער געווען דער טאג ל"ג בעומר מיט א פלאם-פייער און א געוואלדיגע התגלות. ער האט אנגערופן דעם טאג: 'יום קבלת התפילות!'.

*

אויך האט ר' משה ראזוואדוב'ער געזאגט: 'קיין שום טאג אינעם יאר איז נישט אזוי גוט פאר מיר ווי אין דעם הייליגן טאג ל"ג בעומר'. געוויסע אידן וואס פלעגן קומען צו אים פאר ישועות פלעגט ער הייסן קומען אום ל"ג בעומר, און דעמאלס האט ער גע'פועל'ט געוואלדיגע גרויסע ישועות.

*

הרה"ק דער ערשטער בעלזא רב - דער שר שלום זצ"ל, האט אמאל געזאגט אין ל"ג בעומר: 'היינט איז זייער א גרויסער טאג'. האט זיין זון הרה"ק ר' זונדל זצ"ל געזאגט אז ער ווייסט פון דעם. האט זיין טאטע אים געפרעגט: "דו ווייסט ווי ווייט?" האט דער זון געענטפערט: "אזוויו יום כיפור", האט דער פאטער געענטפערט: "האסט גוט צוגעטראפן!"

### ר' שמעון לכל אף לפחותים

ס'איז באקאנט וואס ס'שטייט אין בית אהרן, אז הרה"ק ר' אהרן קארלינער זצ"ל האט געזאגט: 'דער וואס האט אמונה אין ר' שמעון בר יוחאי, האט חיזוק פון ר' שמעון בר יוחאי, און אזוויי הקב"ה איז פאר יעדעם איינעם, אזוי אויך איז ר' שמעון בר יוחאי פאר יעדעם איינעם, אפילו 'לפחותים' - פאר די גאר שוואכע'.

### השפעות אין דעם טאג

ס'שטייט אין עטרת יהושע-דזיקוב, אז 'ל"ג בעומר' איז בגימטריא

גש"ם, דאס קומט צו ווייזן אז ל"ג בעומר קען מען ממשיך זיין פרנסה און צרכי גשמיות פאר אגאנץ יאר.

*

אין טעמי המנהגים שטייט אויפן תפילה 'ישפע שפע רב בכל העולמות', אז די ר"ת פון 'ישפע ש'פע ר'ב ב'כל איז רשב"י.

### ממשיך געווען א ישועה

הרה"ק דער בית אהרן זצ"ל איז אמאל געפארן אויפן וועג, און ס'איז אים אויסגעקומען ל"ג בעומר צו זיין אין בארדיטשוב, און ער האט דארט געפירט טיש. איז געווען דארט א דיין וואס האט געהייסן ר' יוזל, וואס איז געווען א געוואלדיגער ת"ח, אבער ער האט נישט געהאט קיין שייכות צו חסידות, אבער אז הרה"ק ר' אהרן קארלינער איז אנגעקומען אין שטאט און געפירט טיש, איז דער דיין ר' יוזל געגאנגען. אינמיטן טיש האט זיך ר' אהרן קארלינער אנגערופן פארן דיין: "איך וועל בעטן פונעם דיין אז היות היינט איז די יארצייט פון ר' שמעון בר יוחאי, זאל דער דיין איבערזאגן א מימרא פון ר' שמעון".

האט זיך אנגערופן ר' יוזל, אז ר' שמעון בר יוחאי האט געזאגט די מימרא 'נוח לו לאדם שיפיל עצמו לתוך כבשן האש ואל ילבין פני חברו ברבים' [ס'איז ענדערש אז א מענטש זאל זיך לאזן אריינווארפן אין פייער, ווי ער זאל פארשעמען א מענטש ברבים].

אזוווי ער האט דאס געזאגט, האט זיך דער בית אהרן אנגערופן מיט די אויספיר פון דעם מאמר 'מנלן? מתמר' [פון וואו ווייסט מען דאס? 'מתמר', פון די פרשה פון תמר מיט יהודה]. קיינער האט נישט פארשטאנען וואס דער בית אהרן מיינט צו זאגן דערמיט.

דער ר' יוזל וואס ס'איז שוין געווען אסאך יארן פון זיין חתונה און ער האט נאכנישט געהאט קיין קינדער, איז ביי אים יענע יאר געבוירן געווארן א צווילינג. דעמאלס האט מען פארשטאנען וואס דער בית אהרן האט געמיינט, ווייל ביי תמר איז אויך געבוירן געווארן א צווילינג!

### יוחאי איז געקומען צו הקפות

הרה"ק ר' יענקעלע פון פשעווארסק זצ"ל האט דערציילט, אז ער האט געהערט פון זיין שווער הרה"ק ר' איציקל זצ"ל, אז אמאל ביי הרה"ק דער קאזניצער מגיד זצ"ל זענען די הקפות געווען גאר דערהויבן, מיט א געוואלדיגע התלהבות, מער ווי אלע יארן.

האט מען שפעטער געפרעגט פונעם קאזניצער מגיד וואס ס'איז געווען אזוי ספעציעל דאס יאר? האט ער געזאגט אז זיין פאטער [ר' שבתי, וועם מ'האט גערופן ר' שבתי איינבינדער, וויבאלד זיין מסחר איז געווען צו בינדן ספרים] זיצט אינאיין היכל צוזאמען מיט יוחאי - דער פאטער פון ר' שמעון. יענע יאר ל"ג בעומר ווען דער יוחאי האט זיך געגרייט צו גיין צו די הילולא פון זיין זון ר' שמעון - ווייל אין הימל איז אויך ל"ג בעומר א יו"ט, און ר' שבתי האט געבעטן פון יוחאי ער זאל אים מיטנעמען צו די הילולא פון זיין זון. און ער האט אים געזאגט, אז אויב ער וועט אים מיטנעמען צו די הילולא פון ל"ג בעומר, וועט ער אים מיטנעמען צו די הקפות פון זיין זון. האט דער קאזניצער מגיד אויסגעפירט: "יעצט האב איך געזען אז זיי ביידע זענען דא, סיי דער פאטער ר' שבתי און סיי יוחאי, וועגן דעם איז עס געווען אזוי דערהויבן!"

### נס בתוך נס

אויף די גמרא אין מסכת שבת דף ל"ג, וואס ברענגט צו אז ס'איז געשען א נס ביי די מערה וואו ר' שמעון בר יוחאי איז געווען, אז ס'האט געוואקסן א באקסער-בוים, זאגט דער מהרש"א אז ס'איז געווען א 'נס בתוך נס', ס'זענען געשען צווי נסים, איינס אז ס'האט געוואקסן א באקסער-בוים, וואס פון דעם האט ער געהאט צו עסן די אלע יארן. נאכמער, די טבע פון א באקסער-בוים איז, אז ס'הייבט אן וואקסן פירות ערשט זיבעציג יאר נאך וואס מ'פלאנצט עס איין, און דא האט גלייך אנגעהויבן וואקסן די פירות.

### טייטלען לכבוד שבת

ס'שטייט אין מדרש תלפיות: 'איך האב געהערט איש מפי איש ביז ר' שמעון בר יוחאי, אז די באקסער-בוים איז יעדע פרייטאג נתהפך געווארן פאר א בוים פון טייטלען'.

### פטור פון ערלה

מ'האט געפרעגט פון הרה"ק דער ערשטער בעלזא רב זצ"ל, וויאזוי האט ער געמעגט עסן דערפון די ערשטע דריי יאר, ס'איז דאך געווען ערלה?

האט דער בעלזא רב געענטפערט, אז דער ירושלמי דרש'נט פונעם פסוק וואס ס'שטייט ביי ערלה 'ונטעתם' כל עץ מאכל - אויב עטס וועטס איינפלאנצן איז דא א חיוב פון ערלה, אבער אויב ס'וואקסט אליין גייט נישט אן קיין ערלה, וועגן דעם האט ר' שמעון בר יוחאי גלייך געמעגט עסן דערפון ווייל ס'איז געוואקסן מתוך נס.

**'תורתו מגנת לנו הוא ימליץ טוב בעדינו'**

***

# הרה"ק דער דגל מחנה אפרים זצ"ל

## י"ז אייר

הרה"ק ר' משה חיים אפרים בן הרה"ק ר' יחיאל מיכל זצ"ל. ער איז קודם געווען רב אין סדילקוב.

### זיינע עלטערן

דער פאטער האט געהייסן הרה"ק ר' יחיאל מיכל זצ"ל, וועם מ'האט גערופן 'דער דייטשל' - ער איז געקומען פון דייטשלאנד, ער איז געווען א נסתר.

דער דגל'ס מאמע איז געווען 'אדל', די טאכטער פונעם בעל שם הק'. דער בעל שם הק' האט געהאט א בן יחיד און א בת יחידה, דער זון האט געהייסן הרה"ק ר' צבי זצ"ל, וועם מ'האט גערופן 'ר' צבי נסתר', און די טאכטער האט געהייסן 'אדל'. דער בעל שם הק' האט געזאגט אז איר שורש נשמה נעמט זיך פונעם פסוק א'ש ד'ת ל'מו וואס איז די ר"ת 'אדל'.

דער דגל'ס יונגערער ברודער איז געווען הרה"ק רבי ר' ברוכ'ל ממעזיבוז זצ"ל.

### געהאלפן געווארן אין זכות פון די שיך

די ערשטע פאר יאר נאך די חתונה האט זי ל"ע נישט געהאט קיין קינדער. איינמאל שמחת תורה ביי די הקפות, איז דער בעל שם הק' געטאנצן מיט זיינע תלמידים, ווען אינמיטן טאנצן האט זיך צעריסן די שיך פון הרה"ק ר' דוד לייקעס זצ"ל (מ'קען זיך פארשטעלן מיט וואספארא אש להבה די הייליגע תלמידים פונעם בעל שם הק' האבן געטאנצן דארט).

ר' דוד לייקעס איז געווארן זייער בצער אז ער קען נישט מיטטאנצן מיט זיי. ווען אדל האט דאס צוגעזען, איז זי צוגעגאנגען און אים געזאגט, אז אויב ער זאגט איר צו אז זי וועט האבן א בן זכר, וועט זי אים פארשאפן נייע שיך. ער האט איר גלייך מבטיח געווען, און זי האט געברענגט פרישע שיך, און אזוי האט ער געקענט ווייטער טאנצן. יענעם יאר איז געבוירן געווארן דער עלטסטער זון דער דגל.

## דעם דגל'ס תפילין

ער איז נתגדל געווארן ביים בעל שם הק', און דער בעל שם הק' האט אים געלייגט תפילין.

דער רבי ז"ל האט נאכגעזאגט, אז דער בעל שם הק' האט אנגעפילט די בתים מיט טרערן, עס געלאזט אויסטרוקענען, און דערנאך אריינגעלייגט די פרשיות אין די בתים.

*

ס'איז געווען אינדערהיים א סקווירא חסיד ר' איטשע ליפסאן ע"ה, וואס איז געווען אן אייניקל פונעם דגל, און ער האט געהאט בירושה דעם דגל'ס תפילין, און ער האט עס אוועקגעגעבן פארן רבי'ן ז"ל פאר דרשה-געשאנק. דער רבי ז"ל האט עס אבער קיינמאל נישט אנגעטון.

ווען דער איד איז געוואויר געווארן אז דער רבי ז"ל טוט עס נישט אן, האט ער געזאגט אז ליגן קען עס ביי אים אויך... האט דער רבי ז"ל עס איינמאל ערב יום כיפור אנגעטון.

## געזען דעם אור הגנוז

אינעם דגל ברענגט ער צו דעם זיידן דער בעל שם הק' הונדערט און פופצן מאל - קט"ו. אין פרשת בראשית ברענגט ער אויפן פסוק 'וירא אלקים כי טוב', אז ס'שטייט אין מדרש, אז דער אויבערשטער האט באשאפן דעם אור, און עס גונז געווען פאר די צדיקים, און אין יעדן דור טוען זיך די צדיקים משתמש זיין דערמיט.

שרייבט דער דגל, איך האב געהערט פונעם זיידן, אז די 'אור' איז באהאלטן אין די תורה, וועגן דעם קענען די צדיקים פון יעדן דור זען די אור, און מיט דעם אור קענען זיי זען מסוף העולם ועד סופו. שרייבט דער דגל: 'אזוווי איך האב ממש געזען מיט מיינע אויגן כמה מעשיות פונעם זיידן'. און ער ברענגט, אז איינמאל האט דער זיידע געשריבן פארן פעטער הרה"ק ר' גרשון קיטוב'ער זצ"ל - דעם בעל שם הק'ס שוואגער, וועלכער האט געוואוינט אין א"י - אז ער פארשטייט נישט וואס ס'איז פארגעגאנגען, אז פרייטאג צונאכטס האט ער אים געזען אין ארץ ישראל, און שבת צופרי האט ער אים נישט געזען? האט ר' גרשון קיטוב'ער צוריקגעשריבן א בריוו, אז יענעם שבת האט א גביר פון שטאט 'עכו' געמאכט א ברית מילה, און עכו איז א האלבע שטאט א"י, און א האלבע שטאט איז חוץ לארץ, און ער איז געווען דארט דער מוהל. פרייטאג צונאכטס איז ער געווען אין די חלק שטאט וואס איז א"י, און צופרי צום ברית איז ער געגאנגען צו די שול פון דעם עושר וואס איז געווען אין די חלק וואס איז חו"ל.

פירט דער דגל אויס 'וכהנה וכהנה' - אסאך מאל האט ער געזען ביים בעל שם הק' אפענע זאכן, וואס ער האט געקענט זען מסוף העולם ועד סופו, דאס איז אלעס געקומען פון דער אור הגנוז.

## א סגולה פאר גוטע קינדער

דער דמשק אליעזר זצ"ל האט נאכגעזאגט פונעם פאטער דער אהבת ישראל זצ"ל, וואס איז געווען אן אייניקל פון הרה"ק דער רוזינער זצ"ל, אז דער רוזינער האט געזאגט אז 'צו לערנען דעם ספר דגל מחנה אפרים איז א סגולה צו האבן גוטע קינדער'.

## צופרידן מיט דאס עניות

דער דגל איז אין זיינע יונגע יארן געווען זייער ארעם. אמאל איז דער ברודער הרה"ק ר"ר ברוכ'ל זצ"ל אים געקומען באזוכן, און ער האט געזען אז עס איז זייער ארעם דארט. אויפן טיש זענען געליגן לייכטערס געמאכט פון ליים, אויפן טיר האט געהאנגען א נאגל וואס אויף דעם איז געווען אן ערדענע כלי פאר נטילת ידים, און קוים וואס ס'איז געווען צו עסן, און ביי ר"ר ברוכ'ל איז אלעס געווען מער בהרחבה, האט ער שטארק רחמנות באקומען אויפן ברודער, זאגט אים ר"ר ברוכ'ל: "אך און וויי פאר מיר אז איך זע דיר אין אזא ארעמע אופן, ס'איז שוין געקומען די צייט אז דו זאלסט האבן זילבערנע לייכטער".

האט דער דגל געפרעגט: "און דו טייערער ברודער, פון וואו האסטו געלט צו קויפן זילבערנע לייכטער?" האט ער אים געענטפערט: "איך פאר ארום אין שטעט, איך בין מדריך אידישע קינדער צום אויבערשטן און צו דרך החסידות, און מענטשן שטיצן מיר, אזוי האב איך געלט צו קויפן וואס איך דארף".

האט דער דגל געענטפערט: "אויב אזוי, וואויל איז דיר אז דו זעסט מיר אויף דעם אופן, בעסער אז די זילבערנע לייכטער זאלן ליגן אין דער פרעמד, און איך וועל זיצן אין הויז, ווי ענדערש אז די זילבערנע לייכטער זאלן ליגן ביי מיר אין הויז און איך זאל זיין אין דער פרעמד..."

במשך הזמן זענען געווארן צוגעצויגן צו אים אן עולם, ער האט געהאט מער חסידים וואס זאלן אים שטיצן, און עס איז געווארן מער בהרחבה.

*

הרה"ק ר' איציק'ל סקווירא'ער זצ"ל האט דערציילט, אז ווען ער האט שוין געהאט זילבערנע לייכטער, איז דער דגל אמאל אהיימגעקומען פרייטאג צונאכטס, און ער האט געזען אז זיין רביצין פריידט זיך זייער שטארק מיט די זילבערנע לייכטער, האט ער זיך אנגערופן צו איר: "פאר דיר איז יעצט ליכטיג, פאר מיר איז פריער געווען ליכטיג...!"

## תורה מן השמים

ס'שטייט אין כתבי ר' יאשע, אז ביים דגל זענען געליגן טייערע כתבים וואס ער האט געהאט פונעם זיידן דער בעל שם הק'. איינמאל האט ער געדארפט אוועקפארן פאר א חתונה פון אן אייניקל, האט ער גערופן איינער ר' לייביש [וואס האט שפעטער געוואוינט אין טבריה], און אים געבעטן ער זאל זיך אריינציען צו אים אין שטוב פאר די פאר טעג וואס ער וועט נישט דא זיין, און ער האט אים אנגעזאגט אז ער זאל אכטונג געבן און זיך נישט אוועקרירן פון הויז. ער האט אים געלאזט שלאפן אין זיין אייגענע בעט, אבער ער האט אים אנגעזאגט ער זאל נישט צורירן צו קיין שום זאך וואס ליגט דארט.

ווען דער איד האט זיך געלייגט שלאפן האט ער געפילט עפעס א הארטע זאך ביים קאפ, האט ער געזען אז ס'איז 'כתבים'. ער האט עס אבער נישט געוואלט צורירן, און ער האט טאקע אכטונג געגעבן דערויף אזוי ווי דער דגל האט אים געהייסן.

ווען דער דגל איז אהיימגעקומען זענען אלע אים קעגנגעלאפן מקבל פנים זיין, און דער איד איז אויך קעגנגעלאפן. ווען זיי זענען צוריק אנגעקומען אין שטוב, איז דער דגל גלייך צוגעגאנגען צום בעט, און מ'האט געזען ווי ער זוכט. ער האט געפרעגט: "וואו זענען די כתבים?" האט דער איד געזאגט: "איך האב עס נישט צוגערירט".

האט דער דגל אנגעהויבן שרייען אז דאס זענען געווען מורא'דיג טייערע כתבים, צווישן זיי איז געווען א כתב וואס דער בעל שם הק' האט זיך אמאל מתווכח געווען מיט א דיין איבער א געוויסע הלכה [איבער א דין תורה], און דער בעל שם הק' האט געהייסן מ'זאל ברענגען א ליידיגע שטיקל פארמעט וואס איז געווען גרויס דריי פינגער אויף דריי פינגער. דער בעל שם הק' האט אראפגעלייגט דעם קאפ אויף דעם, און ווען ער האט אויפגעהויבן

די קאפ האט מען געזען אז ס'איז געשטאנען דערויף די פסק דין, און ס'איז געווען גע'חתמ'עט 'מיכאל המלאך'! דאס האט ער אויך געהאט בירושה פונעם בעל שם הק', און יעצט איז דאס פארלוירן געווארן.

ס'איז דא אן אנדערע מעשה וואס דער פאלטישאנער רב הגה"צ ר' ישראל אברהם שטיין ז"ל, האט געהערט פון זיין רבי הגה"צ ר' שמעון זעליחוב'ער זצ"ל, וואס האט עס געהערט פון א איד, וואס האט עס אליין געהערט פונעם דגל:

ס'איז געווען אמאל א שריפה ביים דגל, און בחסדי השם איז קיינער נישט געשעדיגט געווארן. דער דגל איז אבער געווען זייער בצער און שטארק געקרעכצט, האבן די תלמידים אים געפרעגט פארוואס ער איז אזוי בצער און אזוי צוגעלייגט, קיינער איז דאך ב"ה נישט געשעדיגט געווארן?

האט דער דגל געענטפערט, אז דער זיידע דער בעל שם הק' איז אמאל פארן התגלות געווען סוכות אין שטאט בראד, און די שטאט-מענטשן האבן ארויסגעלאזט א קול אויף די סוכה פונעם בעל שם הק' אז ס'איז פסול, און די גאנצע שטאט האט גע'רעש'ט מיט דעם. ווען דער בעל שם הק' האט געזען אויף זיינע מקורבים אז זיי זענען פאר'דאגה'ט, האט ער זיי געפרעגט וואס גייט פאר? האבן זיי געענטפערט אז מענטשן רעדן אויף זיין סוכה אז ס'איז פסול.

אזוי'ווי דער בעל שם הק' האט עס געהערט, האט ער געהייסן ברענגען א שטיקל קלף וואס מ'האט שוין געהאט באשטימט פאר א דבר מצוה. ער האט עס אראפגעלייגט אויפן טיש אונטער זיין האנט, און זיך פארטראכט. ווען ער האט אויפגעהויבן זיין האנט האט מען געזען אז אויפן קלף איז געשטאנען אז די סוכה אין וואס ר' ישראל בעל שם טוב זיצט דערין איז א כשר'ע סוכה לכל הדיעות!

ס'איז געווארן א געוואלדיגע שמחה ביים בעל שם הק', און ער האט געגעבן דעם קלף פאר זיין אייניקל דער דגל, און ער האט אים אנגעזאגט אז ער זאל זען צו האלטן ביי זיך דעם שטיקל פארמעט, ווייל דורכדעם וועט דער דגל [וואס איז געווען א שוואכער מענטש], האבן כח.

האט דער דגל אויסגעפירט, אז יעצט ביי די שריפה איז די קלף פארברענט געווארן רח"ל, ממילא האט ער זייער מורא געהאט אז ס'איז שוין געקומען זיין צייט. כך הוה, אפאר וואכן שפעטער איז דער דגל נפטר געווארן.

## מצות לויה ראטעוועט פון פייער

דער 'שפתי צדיקים' ברענגט, אז דער דגל איז אמאל געפארן אין וועג, און פארנאכטס איז ער אנגעקומען אין א דארף. אין דעם דארף איז געווען א גרויסער עושר, א גרויסער בעל צדקה און מכניס אורחים. ער איז קעגנגעגאנגען דעם דגל, און אים זייער שיין אויפגענומען בכבוד גדול. ער האט געמאכט א גרויסע סעודה לכבודו, און ער האט אים צוגעשטעלט וואס ער האט נאר געקענט. נאך דער סעודה איז דער דגל זיך געגאנגען אביסל אראפלייגן.

שפעטער האט ער געזאגט פארן דגל: "איך האב איין בקשה פון אייך, שוין אפאר יאר וואס איך וואוין אין דעם דארף, איך בין שיין מצליח אין אלע מיינע געשעפטן, איך האב ב"ה פרנסה בשפע, קינדער און נחת, אבער איין זאך פעלט מיר, ס'גייט נישט דורך קיין יאר וואס ס'זאל נישט געשען קיין שריפות, אמאל ביי די תבואה, אמאל ביי די בראנפן, און אמאל ביי די בהמות". האט ער געבעטן דער דגל זאל מתפלל זיין, אז דער אויבערשטער זאל אים אפהיטן פון די אלע שריפות. דער דגל האט אבער גארנישט געענטפערט.

ער האט געזאגט פאר זיין גבאי אז ער וויל אויפשטיין צופרי און גלייך אוועקפארן, און ער וויל נאך אניאגן צו דאווענען שחרית אין יענעם אין יענעם שטאט נישט ווייט פון דארט.

כך הוה, ער איז אויפגעשטאנען צופרי און אוועקגעפארן פון דארף. גלייך ווען ער איז ארויסגעפארן פון דארף האט דער בעל עגלה פארבלאנדזשעט, און ממש צו זמן תפילה זענען זיי אנגעקומען צו עפעס א דארף וואס דער בעל אכסניא איז געווען א משומד רח"ל, דאס הויז איז געווען פול מיט שיכורים גוים, און מ'האט נישט געקענט דערמאנען דארט קיין שום דברים שבקדושה.

דער דגל האט געהייסן פארן גבאי: "נעם שוין דעם פערד און וואגן, פאר צוריק צו דעם דארף וואו אונז האבן איבערגענעכטיגט, און רוף אהער דעם בעל הבית". ווען יענער בעל אכסניא איז אנגעקומען פרעגט אים דער דגל: "איך הער אז איר זענט טאקע א גרויסער בעל מכניס אורח, וויאזוי פירסטו זיך אויף מיט די געסט וואס קומען צו דיר?" האט ער געענטפערט: "גלייך ווען זיי קומען אן צו מיר בין איך זיי מקבל בסבר פנים יפות, איך געב זיי צו עסן, איך געב זיי צו טרינקען אביסל בראנפן, און אויב ס'פעלט אויס געב איך זיי א שיינע נדבה יעדעם איינעם לויט וואס ס'פעלט אים אויס".

פרעגט אים דער דגל: "וואס נאך טוסטו?" זאגט ער: "וואס נאך האב איך צו טון?"

פרעגט אים דער דגל: "ביסט מקיים די מצוה פון 'לויה' אויך, די באגלייטסט זיי ווען זיי גייען אוועק?" האט ער געזאגט אז ניין, ס'איז אים קיינמאל נישט איינגעפאלן אז ס'איז א מצוה צו באגלייטן, נאכדערצו אז ער איז פארנומען מיט זיינע געשעפטן.

זאגט אים דער דגל: "ווייל דו טוסט נישט די מצוה פון באגלייטן, וועגן דעם געשעען די פייערס. פארוואס, ווייל אינ'אמת'ן אריין איז די מצוה פון הכנסת אורחים די מצוה פון אברהם אבינו, וואס ער איז געווען א געוואלדיגער מכניס אורח, און ס'שטייט אין פסוק 'ויטע אש"ל בבאר שבע', אש"ל איז ר"ת א'כילה ש'תיה ל'ויה, און אויב פעלט איינס פון דעם, קומט אויס אז ס'איז נאר דא א'כילה ש'תיה, איז פון אש"ל געווארן א"ש - דער אויבערשטער זאל אפהיטן. וועגן דעם געשעען די אלע שריפות".

האט אים דער דגל געהייסן אז פון יעצט און ווייטער זאל ער מקבל זיין צו טון די מצוה פון באגלייטן אויך, און אין דעם זכות וועט ער ניצול ווערן פון שריפות.

*

ס'שטייט אין ספר 'עבודת עבודה', אז דער טאהשער רבי זצ"ל האט דערציילט, אז דער דגל האט איינמאל פאר שבועות משיג געווען א געוואלדיגער אור פון תורה, אזוי ווייט אז ער האט געדארפט גיין צום ציון פונעם זיידן דער בעל שם הק', ער זאל מעורר רחמים זיין אוועקצונעמען פון אים דער געוואלדיגער אור, ווייל ער קען עס נישט פארנעמען.

## די דריי רבנים אין מעזיבוז

דער דגל האט דרייצן יאר געוואוינט אין מעזיבוז, שפעטער האט דער ברודער רבי ר' ברוכ'ל געוואוינט דארט דרייצן יאר. דערנאך איז דער אפטער רב געווען דרייצן יאר דארט. זיי אלע דריי ליגן אינעם אוהל הק' נעבן דעם בעל שם הק'.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**